ר״ח תמוז פאר משוגעים.

[illegible]

[illegible]

פון

וואלף ליטינסקי

בערדיטשב. תרס״ח

Мѣсяцъ тамузъ для сумасшедшихъ
соч. ЛИТИНСКАГО

Бердичевъ. Тип. [illegible] …феля.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

ר"ח תַּמוּז פַּאר מְשׁוּגָעִים.

וְהַמִּנְהָג כְּמִנְהַג יֵהוּא בֶן נִמְשִׁי כִּי בְשִׁגָּעוֹן יִנְהָג.

(מלכים ב׳ ט כ׳).

פון

וואלף ליטינסקי

ברדיטשב, תרס"ח.

Мѣсяцъ тамузъ для сумасшедшихъ

соч. *ЛИТИНСКАГО*

Бердичевъ, Тип. Я. Г. Шефтеля.

ר"ח תמוז פאַר משוגעים

וְהַמִּנְהָג כְּמִנְהַג יֵהוּא כִּי בְשִׁגָּעוֹן יִנְהָג

פלבים ב' ש' ב',

אַ שול אָהן אַ שײַנעץ, אַ באָד אָהן אַ גנב, און אַ שטאָדט אָהן אַ משוגע־נים קאָן ניט זײַן. בײַ אונז אין דער גרויסער יודישער שטאָדט טיניאַדיווקע איז מען ב"ה ניט זשעדנע קײַן משוגעים, מע פירט אָפּט מאָהל צו פון פרעמדע ערטער משוגעים, און מע לאָזט זײ דאָ אָפּ, נאָר כאשר יחנו בן ישעי, אַזוי ווי מע ווייסט ניט פון וואַנעט זײ האָבען זיך גענומען, אַזוי ווייסט מען ניט ווי זײ קומען אַהין.

דער פאַר האָט זיך אונזער שטאָדט דער לעבט אַן־אײַגענעם משוגע־נים גאָר אַ לײַטישען, דאָס ערשטע איז ער אַ יחסן פון טהײַערע עלטערין, צווייטענס איז ער אַן־אײדלער ער קאָן גוט לערנען, און איז זעהר געניט אין מילי דעלמא, ער קאָן אַביסעל אַנדערע שפּראַכע אויך, אַ גאַנץ יאָהר איז אַ פערגעניגען מיט איהם צו רײדין קומט

עֶר צווישֶׁען חסידים איז עֶר אַ חסיד, עֶר וועֶט אַייך אויך דעֶר צַיילעֶן מופתים פון צדיקים אַזוי עֶרנסט, גלַייך וויא עֶר האָט דאָס אַלַיין געֶזעֶהין מיט זַיינעֶ אויגעֶן, קומט עֶר צווישען אַריסטאָקראַטעֶן האָט עֶר מיט זַייא אויך וואָס צו רַיידין, און ניט געֶפלוידעֶרט, זַיינעֶ ווערטעֶר זעֶנעֶן יעֶדין אַיינגינומעֶן, דעֶר צו האָט עֶר נאָך זעֶהר אַ קלינגנדיגעֶ שטימעֶ, עֶס וועֶרט ניט נמאס זיצעֶן גאַנצעֶ טאָג און העֶרעֶן זַיינעֶ קלינגעֶ ווערטעֶר.

נאָר צום אומגליק אַז עֶס קומט נאָר דעֶר שבת פאַר ר"ח תמוז, און עֶר דעֶר העֶרט, וויא דעֶר חזן טוט אַ גישרַייא ר"ח תמוז יהיה...... וואַרט עֶר שוין ניט ביז דעֶר חזן וועֶט עֶנדיגעֶן, עֶר טוט באַלד אַ שפּרינג אין מיטעֶן שול מיט אַנאוים געֶשרַייא!

— מעֶ רופט מיך! איך מוז גייעֶן אוים זאָגעֶן יעֶדין דעֶם אמת, גינינג גיוועֶזעֶן פאַר מאַסקירט, זיך ווייזעֶן פאַר לַייטעֶן פרום, און אין הארצין זאָל זַיין טויזינד רוחות, וויא אַזוי בּאַ נעֶמעֶן מאַ דעֶר שטאָדט געֶלט, אונטעֶר דריקעֶן אָרימעֶ לַייט, און באַהאַלטין קאַפּיטאַל און קעֶשינעֶ אַרַיין.

אַלעֶ מעֶנטשין אין שול וועֶרעֶן זעֶהר מ־ויעֶריג, אַ טַייל לאָזעֶן טרעֶרעֶן און מעֶ בעֶדויעֶרט דעֶם אומגליקליכעֶן יעֶקילעֶ.

— „אַ בן יחיד בײַ זײַנע עלטערען, װען זײַן פֿאָטער זאָל אױף שטײען פֿון דעם קבר, און אַ קוק טאָן אױף זײַן טײַערען יאַנקעלע װאָס האָט אים אַזױ פֿיל געלט אָפּ געקאָסט, און װאָס איז פֿון אים אַזױנס געװאָרען? װאָלט ער נאָך אַמאָהל געשטאָרבען..

דער עולם װײסט שױן ניט װאָס מע דאַװענט, יעדער גײט אַהײם זעהר טרױעריג, אײניגע פּרוּװען אים בעטען צו זיך אױף „ברכה“ נאָר ער װיל ניט.

— נײן! שרײַט ער אױף אַ קול איך דאַרף בײַ קײנעם ניט עסען און ניט טרינקען, װײַל איך װיל קײנעם קײן הנאה ניט מאַכען.

דעם גאַנצען שבת פֿאַר ברײַנגט ער שטיל, נאָר שטאַרק פֿאַר טראַכט.

„איך װיל שבת ניט פֿאַר שטערען, דרום װעל איך דעם טאָג גאָר ניט טאָהן“.

נאָר עסען דעם שבת עסט ער זעהר װײניג, בײַ מנחה דאַװענען, אַז עס איז געקומען צו „אתה אחד“ האָט ער זיך שטאַרק צו װײנט, און פֿיל מאָהל אױסגעשריגען:

— „אתה אחד“ דו ביסט אײנער װאָס ביסט ניט פֿאַלש, ניט פֿאַר מאַסקירט. װײַטער איז דיא גאַנצע װעלט פֿאַלש, פֿאַר מאַסקירט, אײנער נאַרט דעם צװײטען יעדער איז אַן אַנדער פֿאָרמע.

דער מיט דעם גארטעל און יארמילקע,
און דער מיט דער גרויסער ברייטער בארד,
און מיט דיא געגרייזעלטע פאות.
דער מיט זיין למדנ-שין מוח,
און דער מיט דעם צריק-ס בוח.
איינער מיט מקואות,
דער אנדערער מיט סנדקאות,
איינער מיט דעם קירצען ראק,
דער צווייטער מיט דעם גראבען שטאק,
איינער מיט דער געשאבינער מארדע,
דער צווייטער טראגט פאפירען אין א לעדערנער טארבע.
איינער מיטען טרינקען מתקן זיין נשמות,
דער צווייטער בעט אויף ישועות ונחמות,
איינער מיט דעם כל חמירא,
דער צווייטער מיט מצה שמורה,
און נאך, און נאך, נאר איר מיינט עס איז דא אין דעם אלעמען האטש א פיצעל אמת? ניין! לויטער פאלשקייט.

ער רעט אזוי לאנג בא דעם „אתה-אחד“ ביז כ׳ווערט גאבט, אז מע צינדט אן א לעכט, דאווינט ער אפ שטילערהייד מעריב, מע הערט מער ניט פון אים נאר

זיפּצען אַן קרעכצען, און ער מאַכט אין שול הבדלה, נאָר אויף אזא הויכער איינגענומענער שטימע, אז די שול ווערט פול מיט מענטשען, דער נאָך זינגט ער „המבדיל" נאָר אזוי טרויעריג, אזוי טראַגעדיש, אז אַלע מענטשען גיסען מיט טרערען, זיין זינגען פאַרליינגערט זיך עטעס בין האַלבע נאַכט, און קיינער קאָן זיך ניט אָפּ רייסען, עס לאָזט קיינעם ניט אוועק גייען.

זונטאָג אין דער פריה. מע קאָן גאָר שוין גאָר יאנקילען ניט דער קענען, עס איז גאָר ניט דער מענטש, וואָס פריער, דאָס היטעל פאַר ריקט, די האָר זענען ווי שציטינעס, די אויגען זענען בא איהם געוואָרען גרויס, און קוקען גאָר גלייך אזוי ווי אויף איין פּינטעלע, זיין שטערען איז געוואָרען גרעסער און קייליכדיג, דעם פערדיט צו שפּיליט, דאָס האַרץ וועהט זיך אַרויס, און מיט די הענט וואַרפענדיג, שפּאַנט ער גיך אין מיטען שטאָדט, פאַר די קלייטען שטעלט ער זיך אַנידער און קוקט מיט בייזע אויגען אַרום זיך, קוקט אריין אין יעדער קלויט.

— ברוך הבא! יענקעלע דער משוגע-נער איז שוין דאָ, שוין בא צייטען פאַר נעמען המוז, נאָך מיט עטליכע טאָג פריער, האָבען די משרתים פון די קלייטען אויס געשאַריגען און געמאַכט א גרויס געלעכטער.

— „מע טאר ניט לאכען" האבען עלטערע מענ־
טשען זיך אן געריפען, איהר ווייסט וואס פאר א טהייערער
יונגערמאהן ער איז, נאמט האט אים נעביך געשטראפט,
איידלע מענטשען זאגען אז יענקילע האט דאס משוגעת
בירושה פון זיינע עלטערען, ווארום ער פאלט נאר אן
אויף דיא שטארט בעלי-טובות, וואס גיבען זיך שטענדיג
אפ מיט מצות, פון הכנסת אורחים, בקור חולים, תלמוד
תורה, וכדומה, ער זידעלט זיא, ער זאגט אז זיא זענען
פאלשע מענטשען, זיא פאר נעמען אלע געלטען, און
דער גרעסטער חלק בלייבט בא זיא, אקאראט אזוי וויא
דיא עלטערען זענען אפט אן געפאלען אויף אונזער
ערשטען בעל טובה משה רבינו, וואס האט זיא אזוי פיל
טובות געטאהן, און זיא האבען זיך געזיכט צו איהם אלע
נאהל מיט אנדערע פריטענזיעס.. נאר צי דיא יעצטיגע
בעלי-טובות זענען גלייך צו משה רבינו מיט זיינע טובות.
צי ניין? דאס יויל נאר קייער ניט קלערען.

יענקילע שטייט אזוי פאר טראכט עבליבע מינוט,
אזוי פיל מענטשען שטעלען זיך ארום אים, האטש יעדיר
ווייסט אז ער איז משוגע, און האט ניט קיין קלארע
געדאנקען, פון דעסט וועגען, גלוסט זיך יעדען הערען
זיינע ווערטער, און זיין קלוגערדיגע שטימע.

ער שטעלט ארויס דעם רעכטען פוס, און האלט

דיא רעכטע האנט אין דער לופט, אין דער לינקער האנט
א ווייס טיכעלע, וואס ווישט זיך אלע מאהל דעם שוויים,
פון דעם פנים, ער עפענט א ברייט מויל און רעדט.

— וואס טראכט איהר זיך סוחרים? ביז וואנים וועט
איהר אזוי דרעהען און שווינדלען? איהר מיינט איהר פאר דרייט
יענים? ניין! איהר פאר דרעהט זיך דיא קעפ! עס איז פיעל
קליגערע פון אייך געוועזען, וואס האבען מיט מעהר שכל
פון אייך גידרייט, וואס האט זיך פון זייא אויס געלאזט?
זייא האבען יענים ניט אפ געגיבען, און זייא אליין איז
אויך נאר ניט געבליבען, נאר אזוי וויא מע רעדט פון
שטארבען, רעכינט יעדער אז ניט איהם מיינט מען, אזוי
אז מע רעדט פון באנקראטירען און ארום ווערען מיינט
יעדער כוהר אז ניט איהם מיינט מען.

— יענער איז געוועזען א נאר וואס ער האט
געווארט אזוי לאנג ביז עס איז איהם אויך נאר ניט
געבליבען, אזוי טראכט איהר זיך — מיר וועלען אפ
טוהן פריער ווען עס איז נאך בייא אונז דא אביסעל קאפיטאל,
אזוי מיינט איהר. דאס איהר א גרויסען טעות; בארעכינט,
מע פאר קויפט סחורה נאך אויף צו דער לייגען, מיט א גוט
רעכענונג, 25 פריצענט דער לייגען צו דעם קרן:
ווארום פראכט, קלייטגעלט, ביעטיל געלט משרתים
קוקט און צינזען וואס מע דארף ארויס געבען דיא נאכנאמע,

שקאנטע געלט וואס מע שקאנטירט דעם קונה'ס נאכנאמע,
דיא אלע וואכען צו זאמען איז געווים ביז 25 פראצענט,
באנקראטירען, און ענדיגען מיט דיא בעלי-חובות, און
אויך נאר צאלען 25 פראצענט, און 50 פראצענט וועט
איהם בלייבען א באהאלטענער קאפיטאל, ניין! דאס איז
א פאלשער רעכענונג; 50 פראצענט פון דער קליינט איז
שוין לאנג נישטא, וואס אזעלכע ווייבער האבען פאר
לעבט; מיט מאכען אלע מאהל נייע מאדעס, גוט עסען,
גוט טרינקען, פאר בעטען געסט, מאכען בעלער, פארען
אין ווארימע בעדער, און או דיא כוחרים האלטען בא
באנקראט, שלעפען דיא משרתים שטילערהייד אויך, דער
פראנט אוועק א סעקיל בתורה אתהם, און דער לייגט
אריין דעם קונה אנשטאט 10 שטיקלעך 15 שטיקלעך
סחורה, פאר דיא איבעריגע 5 שטיקלעך סחורה, וואס
זאגען ווערט 50 רובעל, נעמט דער משרת באם קונה 15
רובעל, באם משרת איז דיא 15 רובעל וויא געפינענע,
און דער קונה האנדעלט א מציאה, דאס גייט אויס צום
סוחר'ס קאפ, דערום ווערט איהם פון אייער באנקראט נאר
גיט בלייבען. ווייסט איהר וואס עס וועט איהם בלייבען:
אויס געפאטשטע גראבע ווייבער מיט ספאזמים, און איהר
אליין וועט פאר דער צייט ווערען שטענע יורען, מיט
גרויע בערד, אז עס וועט איהך שוין פאסען זיין לייטישע

מקבלים . . .

איר משרתים לאַכט פון מיר, איר מיינט אַז איך זאָג נאָר דעם פּרינציפּאַל, איך מיין איך אויך, וואָרום פון דיא גניבה-שע געלטען האָט איר דען עפּיס? איר גיט דאָס באַלד אָפּ אייערע ווייבער, זייא זאָלען זיך מאַכען אַזאַ קליידער וויא אייער פּרינציפּאַלקע, וואָס ס'איז ניט נאָך אייער כח, אַז דיא קלייט וועט זיך פאַר מאַכען, וועט איר דעם ערשטען. מאָג אויף קיין ברויט ניט האָבען . . .

אַזוי האָט יענקעלע אַוועק גירעט אַ גאַנצע שטונדע, נאָר אַזוי זיס, אַזוי איינגענומען, אַז ס'האָט זיך יעדען גיגלוסט הערען; דער נאָך האָט ער זיך אַרום געווישט דעם שווייס, און אַוועק געשפּאַנט ווייטער.

מענטשין גייען אים נאָך ביז ער איז געקומען אין מיטען שטאָדט צווישען דיא הויכע טויערען, ער הויבט אויף דעם קאָפּ צו דיא מענטשין וואָס שטייען אויף דיא גאַנקעס און זאָגט:

— איר גבירים רייכע לייט רעכינט מיך פאַר אַ משוגעים, איר זענט מער משוגע פון מיר, באַרעכינט זיך וואָס פאַר אַ הויכע שטאַרקע טויערען איר האָט געמאַכט באַוואָרענט מיט אַנקערס זייא זאָלען אייך און אייערע קינדער איבער לעבען, זיך געקריגט מיט אַלע בעלי מלאכות וואָס האָבען בייא אייך געאַרבייט זיך געדינגען מיט

זייא, דיא מילירים זאָלען בּאַ אייער פאַבּריקע האָבּען קאָם אויף בּרויט, דיא טעסלירעס זאָלען פון דער אַרבּייט קיין בּרויט אויך ניט האָבּען, דיא סטאָלירעס זאָלען נאָך דער לייגען צו אייער פאַבּריקע, אַלע גייען טיעק און הייגען, און פּאַר שטעלבּין אייך דיא בּיינער, איר זענט צופרידען אַבּי פּאַר זאָרגען אייערע קינדער מיט גרויסע מויערען און מיט אַ קאַפּיטאַל אויך. פרעג איך אייך זענט איר דען ניט משוגע? פון וועמעס וועגען רייכט איר איין די וועלט, פירען זיך דען אייערע קינדער נאָך אייער מינהג? זייא פּאַר קריכען גאַר מיט זייערע געדאַנקען צו אַלדע שווארצע יאָהר....

איר בּרייגגט איין, און זייא בּרענגען אויס, טרעפט זיך זייא אַני-אומגליק וואָס זייא נעמין זיך אַליין, בּרייננט איר אַליין אויך אויס אויף זייא זעהר פיל געלט. מיט דעם בּעל מלאכה וועט איר זיך דינגען פאַר 10 קאָפּיקעס און דאַמאָלס שפּילט שוין קיין ראָלע ניט קיין גאַנצע הונדערטערס און קיין טויזענדער, און אָפט מאָהל איז דאָס גאַנצע געלט אַזוי ויא אַרויס געוואָרפען, און אַז איר ראַטעוועט זייא אַרויס פון דעם אומגליק מיינט איר אַז זייא בּאַטראַכטען זיך שוין? ניין! שפּעטער מיט עטליכע טאָג זייא טוען ווייטער דאָס אייגינע, און האָבּען דיא זעלבּע אומגליקען ויא פריער, אין הארצען שעלט איר

זייא, און גע̇לט שפּריינט איר אויף ראַטעווען זייא, הייסט איר שוין הע̇מען איר ווילט פֿאַר זאָרגען מיט גרויסע היזער און מיט קאַפּיטאַל? און אַפילו דיא קינדער וואָס פירען זיך שוין כלומרשט נאָך דיא עלטערענס געדאַנקען, איז דאָס נאָר לפנים, און וואָס דיא קינדער דער זעהען מער גרויסע האָר אויף זייערע עלטערען קומט זייא צו מער געזינד, און טראַכטען זיך — ווען ווען זיך שוין דיא אַלטע נאַרישע עלטערען אַוועק ריקען אויף יענער וועלט מיר וואָלען זיך קאָנען ראַסקאָשיווען איבער דעם פאַר מעגען. דיא מויערען וועלען זייא באַלד פאַר קויפען, וואָרום איינער צווישען טויזענד בלייבט באַ זיין פאָטערס מויער. הייסט איר שוין פון וועמעס וועגען איר האָריוועט, און דרייט מיט דיא בעלי מלאָכות, זייא זאָלען דינען אויף אייך, און אייך שעלטין, נאָר עס ווייזט אויס אַז איר זענט זייא שונאים, דיא אָרימע לייט זענען באַ אייך וויא אַ ביין אין האַלדז, פאַר וואָס-זשע אַז מע וויל אייך מאַכען פאַר מתעסקים, איר זאָלט פאַר זאָרגען דיא אָרימע לייט מיט האָלץ אויף ווינטער, מיט מצות אויף פסח, מיט אַ בקור חולים פאַר אָרימע קראַנקע, מיט אַ תלמוד תורה פאַר אָרימע קינדער האַפּט איר זיך אָן מיט ביידע הענט? דאַמאָלס ווערט איר זייא ניטע פריינד? ניין! איר ווערט ניט אָפּ גאַרען, איר האָט דער באַיא אנ-אייגענע צינזל, דער

וויל זייזען מחותן דעם צד שכנגדו, דער גראבער יונג ווייל מיט א מאהל ווערען א שיינער יוד, און דער מיינט לטובת הקעשיניע... אמת דיא ארימע לייט זענען בא איך בינער, נאר מאריך-בינער, דער ביין וואס מע קאן פון איהם סמאקען מאריך איז פאר איך אסחורה, און אויב ניט, ווארפט איר אים אוועק....

ס'גיט זיך אויס א גביר, וואס וויפיל ער איז רייך, איז ער צעהן מאהל אזוי שלעכט, ער איז בא זיך א גרויסער גדלן, ער רעכינט או גאטט האט גאר א זכיה וואס ער גייט אויף זיין ערד, קיין גוט ווארט הערט מען פון איהם קיין מאהל ניט, זיין ווייב איז נאך ערגער פון איהם וואס פאר שלוסט פאר איר דינכט דאס ברויט, או עס קומט אריין אן-ארימאן בייטען א נדבה ענטפערט זיא „דא טיילט מען ראש חודש" און או עס קומט ראש חודש פאר שלוסט מען אויף א גאנצען טאג דיא טיר, זיא זאגט נאך דער ביא מיט א פרום פנים, — גאטט זאל מיך ניט שטראפען פאר דיא רייד, דיא ארימע לייט דיא שלעפירס עסין זיך איין אין הארצען איך קאן זייא ניט אן קוקען, האבען זייא גוט פיינט דיא ארימע מענטשין, פלוצלינג ווערט ער א שטאט בעל טובה און זארגט פאר ארימצלייט...

מע קאן ניט זאגען או ער פאר נעמט דאס געלט זיך, וויארום ער איז רייך, נאר ער האט דער ביא א ציל:

פּינט ער אויך אין תלמוד תורה ווייל ער וויל פון די
אָרימע מלמדים צאָפּען דאָס בלוט, אַז אָרימע לײַט זיינען
מע זאָל פאַר זיי געמען פרעמדע קינדער אין תלמוד תורה
שמעקט איהם צו אַ שטיק געזונד, ער האָט ליב צו קוקען
ווי יענעם צאַפּט זיך דאָס בלוט ער איז מקיים דעם פסוק
„לא תעמוד על דם רעך" מיט אַלע פירושים. אַ צווייטער
נגיד וואָס מישט זיך צו אַלעלכע טובות קאָן מען שוין
פאַר איהם ניט שווערען אַז ער איז ניט נהנה פון קהל־שע
געלטען, נאָך איין נגיד גאָר אַ־אַנגעפּאַרינער פון איין
אַנדער שטעטעל, דער פאָטער זיינער איז געוועזען אַ
האַפּער, ער האָט געזויגען יורישע בלוט און אָפּ געגנבעט
קליינע קינדער איז דער זוהן געקומען אַהער געוואָרען אַ
שיינער ייד און דאַווענט אין רב'ס בית המדרש, פאַרט איין
מאָהל אין יאָהר צום גרויסען אין צאַפּט אויך יורישע בלוט,
בײַ אים אַז מע מאַכט אַיין הלואה איז מען אומגליקליך
מען קאָן קיין מאָהל פון אים ניט אַרויס אַזוי פיל פּריצענט
צאַפּט ער. מאַכען מענטשען מיט אים שותפות אַ מסחר,
איז ער זיך דער געלט שידוך. מאַכט ער זייא דער נאָך
חשבונות, פּריצענט אַרויף, פּריצענט אַראָפּ, אַז זייא האָבען
געביך געהאָריוועט אומזיסט, עס איז זייא מער ניט
געבליבען, נאָר וואָס ער האָט זייא אַרויס געגנבעט יעדער
וואָך אויף לחם צר ומים לחץ, גייט אַריין צו איהם אַ

פרעמרער בייטען א נדבה (ווארום היגע קאנען איהם שוין) ניט געווג וואס ער גיט איהם גאר ניט, פאר פירט ער נאך מיט דעם ארומאן גאנצע רעדעס און צאפט פון איהם דאס בלוט, מיט איין ווארט, זיין פאטער האט געהאפט קליינע קינדער און ער האפט ארין גרויסע מענטשען אין זיינע טיגערשע לאפעס און סמאקעט פון זייא דאס בלוט, אויף זיינע איינינע קינדער פון דעם ערשטען ווייב, האט ער אויך קיין רחמנות ניט האטש ער האט מיט דעם צווייטען ווייב קיין קינדער ניט, ער הייסט מער ניט נאר גוט עסין און גוט טרינקען; זיינע האר און דאס גאנצע פנים איז רויט מיט גרויכע מלאך-המות-שע אויגען מיט א געזינטען קארק, עס וואלט איהם געפאסט זיין א פעלד גולן און שטיפט זיך אויך צו דיא שטאט בעלי טובות און וויל ארומע לייט א טובה טאן. אט ווער אונזערע מנהיגים זענען אין יעדיר שטאדט, דער מדרש זאגט, אוי לדור ששפטו את שופטיהם, חייא איז דעם דור, וואס פראסטע מענטשען זעהן ארויס דיא מעלות פון זייערע מנהיגים, זייערע בעלי טובות און דארפען זייא משפט׳ן.

יענקילע האט זיך ארום געווישט מיט דעם ווייסען טיכילע דעם שווייס, און איז איבער געגאנגען אויף איין אנדער גאס, ער האט זיך אנידער נישטעלט פאר א

גרויסען הויף פון פּאַרענט מיט בוימער און הויף עטליכע צווייא גאָרענדיגע מויערען און אַנדערע געבײַדע מיט אַ גרויסען טאָר, אויף דעם מויער אַ גרויסע טאַבליצע מיט גרויסע אותיות „בית החולים לעניים" און האָט אוים געשריגען:

— יורען! פאַר דעם הויף זאָלט איהר זיך היטען, דיא געמיינע מענטשען אַז זייא קומען אָן אין דעם הויף אַרײַן, איז זייא זעהער ניט גוט; וואָרום מע ראַטעוועט זייא גאַנץ טײַניג, נאָר דורך דעם אײַנציגען וואָס זייא געפונען זיך אין ריינע טריקענע קאָמנעטעס, העלפט זייא אַ מאָהל גאָטט, אַז זייא הויבען אָן אויף צו קומען, נאָר אײדער זייא קאָנען נאָך רעכט אַרום גייען איבער דער שטוב, שרייבט מען זייא שוין אויס, און אַז זייא קערין זיך אום צו זייערע נאַסע לעבעדיגע קברים, און זייא ווערען נאָך ערגער קראַנק וויא פריהער, אויב זייא קומען שוין דאָס צווייטע מאָהל אָן אין דעם הויף אַרײַן, איז שוין שווער זייא זאָלען פון דאָרט לעבעדיג אַרוים.

האָבען מיר שוין פון דיא אָרומע לײַט אָפּ געהערט וויא אזוי זייא דאַרפען בעטען גאָטט זייא זאָלען אין דעם הויף ניט אָן קומען, נאָר רײַכע מענטשען דאַרפען זיך אויך היטען ניט צו מישען זיך אין דעם הויף.

מיר זעהן וויא איינער איז געקומען פון אַ קלײַן

שטעקעל, מיט א דינען קאפאטקעלע, דיא ערשטע נאכט
האט ער אן געשריבען דאס מעדיל, און דער משגיח
מיט דער ברייטער מאדר איז געזעסען און זיגעלע, נאר
ער האט נעקאנט דיא שווארצע קונץ, האט ער זיך אויך
לאנג צו נע-הנפעש צו דיא גבאים, ביז ער איז וויסיג
געווארען אלע סודות ער האט שוין נעראלטען דיא גבאים
אויף דער ערענדע, און ער איז נאר אנ-אנדער מענטש
געווארען ער האט אן גיטאהן א קורצען סערדוט ארום
געשוירען דיא באהרד געכאבט בלאנושע און האט שוין
דארט פאר גוטען שיינע אין גרויסע קאמנאטעס און וואס
מער קאמנאטעם איז פאר אים בעסער, ווארום קען האלץ
און וואסער האט איהם ניט געקאסט, בארינטע האט ער
געהאט אומזיסט, און ביז ס'איז ניט אוים נעשטארבען
דיא עטליכע גבאים וואס האבען פאר אים מורא געהאט,
האט מען אים פון דעם הויף ניט געקאנט ארוים טרייבען,
האטש יעדער האט געוויסט, וויא אזוי געטריא ער איז,
זיך, ניט דעם הויף, אצונד אז ער איז פון דעם הויף
ארוים, זעהט מען ערשט ארוים וויא אזוי ער האט זיך
געביך אן גענומען פון דיא קראנקע; אז ער האט באלד
געעפינט אין מיטען שטאדט א גרויסע קאנטאר און
פירט גרויסע און רייכע געשעפטען.

דער צווייטער וואס איז דארט געווען א טראטער,

אַז האָט אין גאַנצען גענומען 2 רובל אַ וואָך, ער האָט
אָפט מאָהל געבעטען, מע זאָל אים האָטש מוסיף זיין 25
קאָפּיקעס אַ וואָך, האָבען דיא גבאים אויך ניט געוואָלט,
האָט מען ערשט אויף זיין עלטער ארויס געזעהען, וויא
אזוי ער האָט זיך געגעבען אָן גענומען פון דיא קראַנקע; אַז
ער איז געוואָרען אַ גרויסער בעל-הלואה, און האָט געקויפט
גרויסע נחלאות, און איבער געלאָזט זיינע קינדער אַ
גרויסע ירושה....

דער יעצטיגער משגיח וואָס האָט איבער גענומען
דעם פאָטערס חזקה, האָט שוין אויך אַן-אַנדער פאָרמע,
ער גייט שוין ניט קיין לאַנגע קאַפּאָטע וויא זיין פאָטער,
ער זאָגט שוין ניט קיין „ווידוי" מיט דיא קראַנקע, ער
זעהט שוין אויס אַ גאַנצער אריסטאָקראַט, ער באַקלאָגט
זיך אַפילו אָפט, אַז עס איז ניט דיא פריערדיגע צייטען,
ס'איז שלעכט, דער הויף איז שטענדיג פאַר איינגט אין
געלט(?) און ער האָט קאָם אויף זיין לעבענס-מיטעל (?)
פון דעסט וועגען, האָט ער אין גאַנצען דרייא קינדער,
קאָסט אים אָפּ לערנען זייא אַ כך הונדערטער אַ יאָהר,
און ער קוקט שוין אויך ארויס מע זאָל אים אָפּ זאָגען,
ער זאָל זיך קאָנען ארויס ווייזען, וויא אזוי ער האָט זיך
געגעבען אָן גענומען פון דיא קראַנקע...

פון דאָרט איז יעצקילע אוועק אויך אַן-אַנדער

לאַנגער נאַס, און האָט זיך אַנידער געשטעלט לעבען אַ צווייא גאָר־ענדיגען מויער, אויבען איז אַ טאַבליצע מיט גרויסע אותיות „תלמוד תורה" און אונטען אַ טאַבליצע „חבורא קדישא" און זאָגט:

— פאַר וואָס איז דיא תלמוד תורה מיט דער חברה קדישה אין איינעם? וויל דאָ באַגראָבט מען אַלע מענטשען, און דאָ באַגראָבט מען אָרימע קליינע יונגלעך.

דיא חברה זענען פון דעם עולם האמת, וויל באַ זייא איז דאָס גרעסטע פאַלשקייט (מלשון סגי נהורא): פאַר קויפען זייא 20 איילען שוויביש אויף תכריכים, איז גימאָ מער וויא 16 איילען, אַ פרייז נעמען זייא אַ גוטע וואָס זייא האָבען ביז 40 % פאַרדינסט, דאָס פאַר־דינסט פון דעם איז אַ מאָהל געגאַנגען אויף דער תלמוד תורה האָבען דאָס יענע גבאים זיך צו גענומען, אַצונד טיילען זיך דיא לייט מיט דעם פאַרדינסט, זייא האָבען קיין רחמנות ניט אויף אָרימע אלמנות ויתומים, וואָס זייא האָבען ניט אויף קיין ברויט, זייערע טרערען, זייער קלאָ־גען איז באַ זייא אַ מוזיק, זייא ווילען פון קיין זאַך ניט ווייסען, און רייסען וויא וויט זייא קאָנען, און וויא קומט אהין זייער געלט? מע טיילט זיך, מע לעבט רייך, און מע האָט נאָך קאַפּיטאַל, עס וואָלט שוין אַ יושר געוועזען עס זאָל אויף זייא מקוים ווערען דער פסוק, „כל אלמנה

ויתום לא תענו" און דיא איבעריגע ווערטער וואס שטייט
נאך דעם שמות כ״ב 24-21)

אויף דעם איבעריגען גארען איז דיא תלמוד תורה דיא תורה איז אמת, נאר דיא תלמוד תורה איז פאסל׳ט, ווער עס ווירט זיך צו צו גיהר וויל זיך האלטען, עס ווייזט אויס זיא איז אויך א בינדיל מיט מאריך, וואס מע קאן דאס כריצען, זיא איז געבאכט געוארען נאר פאר דיא כתעבקים, און דיא קינדער בלייבען גראבע יונגען, וואס קאנען גאר ניט, ס׳קאכט אם א סך געלט לערערים. קאַ-ען זיא קיין רוסיש אויך ניט, וויל דיא גבאים קוקען ניט אויף קיין תכלית פון דיא ארימע קינדער; זיא ווילען נאר ווייזען נצחון דעם צד שכנגדו, זאלען האלטען נאר דיא מענטשען וואס לעקען זיא, און ניט אויסקלייבען וואס וועלען נוטצען ברענגען, און אפשר מיינען זיא נאך עפים אויך.... ארום דער תלמוד תורה רעדען איז דא זעהר פיל, וואס דער גאנצער חודש תמוז וועט אוועק גייען און אירע פעלער וועט מען ניט קאנען אוים רעכענען...

אזוי האט יענקילע געשפאנט פון איין גאס אין דער אנדערער. אז ער האט באגעגענט א בעל-טובה ניק, האט ער אים צו געהאלטען באם סערדיט, און האט אים אוים געדעבינט זיינע המאים, זין פאלשקייט צו דער

שטאָדט. דיא גבירות האָבּען געזאָגט אַז ער זאָגט אַ ליגען, ער איז משוגע, און געמיינע לייט האָבּען געשאָקעלט מיט דיא קעפּ און געזאָגט, — עס קאָן זיין אַז ער איז גאָר ניט משוגע, ער רעדט צו דער זאַך, און זאָגט יעדען דעם אמת, ער וויל ניט פּאָלגען וואָס דער ראַבּינער האָט אָן געזאָגט אַז קיין ליגען טאָר מען ניט זאָגען, נאָר דעם אמת, נייט מען ניט, מע זאָל זאָגען.

עס איז גאָר ניט מעגליך אַרויס צו שרייבּען אַלעס, וואָס ער האָט אין דעם חודש אַרויס געזאָגט, ווייל עס קאָן פיל מענשען פאַר דריסען...

דער נאָך איז ער אַוועק אויף דער אָרימער גאַס, עס דאָט זיך אַרום אום צו זעהען געקלויבּען פיל אָרימע מענער און ווייבּער. ער רעדט מיט זיי, דיא מאַנסלייט שאָקלען מיט דיא קעפּ, און דיא ווייבּער לאָזען אַ טרער אויך, אַ מאָל ווייבּער ווישען זיך מיט דעם פאַרטיך דיא אויגען, און חערען זיך צו וואָס ער רעדט.

— אויף דיא אָרימע גאַסען איז קליין ארץ ישראל, דאָ ליגט מען לעבּעדיגערהייד אין דער ערד, און קיין קליינע ווערים עסין אויך ניט. ווענען אייך אָרימע מענשען, איז דאָ זעהר פיל צו רעדען, איך זעהר פיל צו מעדויע־רען, נאָר איך האָב מורא מען זאָל מיך ניט שלאָגען, דערום ליגט צוגויף געשטיפט עבליכע סימטשועס אין

אײנגעט אין דאָ אײנציגע שטיבעלעך, און טראָגט איבער
מיט געדולד דאָס שלעכטינקײט, טאָמער װעט אַ מאָהל
אױף אים נאָכמאַל רחמנות האָבען, און װעט אים איבער
שטאַרק פאַר בעסערען, מיר זעהען אַז אַ מאָהל פון אזא
אײנג שטיבעלע אַ אַרימער חזן, האָט זיך נאָר אין געהײ-
מען צו דרײען לײבען דיא שטאָרם בעלי טובות, און מאַ-
כען תלמוד-תורה, הכנסת אורחים געלט, איז ער מיט אַ
מאָהל געװאָרען אַ גרױסער קאַפּיטאַליסט.

נאָך אַ צװײטער װאָס מאַנט אײַן דיא קהל-שע געל-
ערן און האָט נאָך עד היום אַ פּנים היא אַ גזול, און
האָט נאָך אַזונד אױך לײעג דאָס שלעפּערײַא, איז ער
שױן אױך אַ מבופל מיט קעליבע צענדלינג טױזענדער
רובעל, דערום לעקט דיא שטאָרט בעלי טובות חנפה-ט
ײא, טאָמער װעלען זײא אױך מאַכען פאַר שלעפּערס,
און איר װעט דער נאָך הערען קאַפּיטאַליסטען....

אַ קלײנינקײט, אײנער נעמט צונױף געלט אױף
לינת-הצדק, איז ער געװעזען אַ דאַרער מיט אַ גרין פּנים,
און אַ פערלױף פון אַ קורצער צײט, האָט ער שױן באַקו-
מען אַ גרױסען בױך, מיט אַ פעטען קאַרק, און האָט זיך
שױן געקױפט אַ אײגענע הױז אױך, מיט אײן װאָרט, װער
עס טישט זיך צו קהל-שע געשעפטען, איז דאָס אַ
גרױסע סגולה צו פרנסה...

נאָר פון דעסט וועגען איר אָרימע מענטשעלעך זאָג'ט ניט מיינען אַז איר זענט אין גאַנצען געלעבט, עס זאָגט זיך טרעפט כמאָל אַז איר לעבט זיך איין וועהר פיל שלעכטיג־קייט... איך וועל אייך דער ציילען אַ קליינעם משל...

— איידער דער באַהן איז געוואָרען, געוועהנליך איז מען געפאָהרען דיא ווייטסטע נסיעה מיט פערד, איז צום ערשטען אַרוים געפאָהרען פון דער שטאָדט אין דער צייטענער, אַ רייכער פריץ מיט אַ קאַרעטע מיט זעקס פערד, נאָך איהם איז נאָך געפאָהרען אַ קאַליטע נאָר מיט פיר פערד, דער צווייטער טראַכט האָטש ער האָט מעהר מיט צוויא פערד פון דעסט וועגען וועל איך איהם קאָנען נאָך פאָהרען, נאָך דעם צווייטען איז געפאָהרען אַ דריטער מיט אַ בויד מיט דריי פערד, און טראַכט — אַז דער האָט מעהר נאָר מיט איין פערד וועל איך איהם דען ניט קאָנען נאָך פאָהרען, ער שמייסט דיא פערד, און פאָהרט נאָך, דער נאָך פאָהרט דער פירטער מיט אַ וואָגען מיט צוויא פערד און ער זעהט פאַר זיך דיא בויד מיט דריא פערד, און פאָהרט איהם אויך נאָך, צום לעצט פאָהרט אַ וועגעלע מיט איין פערד אַז ער זעהט פאַר זיך דיא צווייא פערד פאָהרט ער איהם אויך נאָך, דער מיט דעם איינעם פערד ווייסט גאָר ניט אַז ער פאָהרט נאָך דעם ערשטען פריץ מיט דיא זעקס פערד...

וואָס איז דער רעזולטאַט דער פון? דער ערשטער איז געלאָפען צו פאָרען אין שטאָדט אריין און זיינע פערד זענען גאָר ניט מיעד געוועזען, דער צווייטער האָבען זיך זיינע פערד איין געמיעדט, דער דריטער זעהען זיינע פערד געוועזען גוט דער שוויצט, דער פירטער האָבען זיך זיינע פערד דיא פוס אונטער געשלאָגען אז ער האָט שוין מיט זייא ניט געקאָנט פאָהרען, און דער לעצטער קומענדיג צו דער ראָגאַטקע איז זיין פערדיל געפאַלען טויט...

מיט אייך אָרימע יודעלעך איז אויך אזוי: דער אָרימער בעל מלאָכה וויל זיך נאָך כאַפען איבעריגע מלבושים, אַזאַ מעבעל וויא דער קלייט משרת וואָס ער גנבה-ט פון דער קלייט, מער וויפיל ער נעמט שכירות, דער משרת וויל זיך פירען אזוי וויא זיין פרינציפאַל וואָס דרייט מיט קרעדיט, און דער פרינציפאַל טוט נאָך דעם בעל הבית פון דיא קלייטען וואָס ער האָט זייא פאַרזעצט באַם גרויסען קאַפיטאַליסט, און דער בעל הבית פון דיא קלייטען טוט נאָך דעם גרויסען קאַפיטאַליסט.

וואָס איז דער רעזולטאַט דער פון?

דער גרויסער קאַפיטאַליסט וויא אזוי רייך ער פירט זיך ווערט ער ניט אָרימער. דער בעל הבית, צאָהלט יאָרען לאַנג פראָצענט און קאָן דיא קלייטען ניט אויס קויפען, דער פרינציפאַל טוט באַנקראָטירען, און דער משרת בלייבט

אָהן פּרוֹיִם, און דער אַרבּעטער בעל מלאכה פאר קליינע מען נעבּיך זיין לעצט בּעט-געוואַנט אויף דעם מאַרק און בּלייבּט אָהן אַ קישען.

דער נאָך איז יענקעלע אַריין געגאַנגען אין בּית המדרש גענומען. אַ משניות נדרים און געזאָגט:

— מען דאַרף לערנען משניות פון דיזע שמאַרע בעלי-טובות נשמות הענגען, ער לערענט זיך אַ ניגון, וואָס איז וועלער איינגענומען צו הערען.

אלו דברים שאין להם שיעור, אַזעלכע זאַכען לערען איז פאַ אונז דאָ אהן אַ שיעור, דפאה, דערפון מיר לאַנגע פּאות, און פאר קליפּען גאַנץ מיט דעם נאַגדען יודישע קינד פאר געלט. והבכורים, און גביר-שע צוועלע יונגלעך, וואָס קאָנען אַפּילו ניט חתונה האָבען, טוען זיי דער וויל אָהן זיבעציג עלטערען געמיינע שידוכים... והראיון, אַ סך ווייבער וואָס ווערען שוואַנגער פון פרעמדע מאַנען, זיי וואָלען זיין יורשים אויף איר מאַנס פאַרמעגען. וגמילות חסדים, אַזעלכע וואָס לעבען נאָר פון גמילות חסדים.

אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה, והקרן קימת לו לעולם הבא, אַזעלכע וואָס לעבען גוט אויף דער וועלט, און לאָזען נאָך אַ גרויסען קאַפּיטאַל ווען זיי גייען אַוועק אויף יענער וועלט. ואלו הן, דאָס זענען זיי:

בכּוד אב ואם, זײא ראטען אויף זײערע רײכע עלטערען *),
וגמילות חסדים, אז זײא באנקראטירען גיבען זײא קײן
גמולת חסד אויך ניט אפּ, והשכמת בית המדרש שחרית,
און דער פריה לויפען זײא אין שול ארײן, וערבית, אין
אויף דער נאכט האנדלען זײא מיט גנבות. והכנסת אורחים,
דיא וואס מאנען געלט אויף הכנסת אורחים, אויף בקור
חולים, אויף הכנסת כלה... והלוית המת, דיא חברה
קדושה, וואס טראנספּארטירען אריבער דיא מתים אויף
יענער וועלט, ועיון תפלה, מע מישט זיך צום דאווינען
כלומר צ נבאי אין שול וואס לאזען ניט רעדען באם
דאווינען, מע זאל זיך ניט אוים רעדען ווייא אזוי זײא פאר
נעמען דאס געלט פון דער שול, והבאת שלום בין אדם
לחברו ובין איש לאשתו, דיא וואס לײגען זיך אין שלום
ארײן, כלומר בוררים, וואס נאר נארען מענטשען מיט
השלשות, און דער נאך מוזען זײא וואס זײא ווילען....
ותלמוד תורה כנגד כלם, דיא וואס גײען ארום דער
תלמוד תורה זענען ערגער פון אלע....

איך וואלט נאך געזאגט דעם גרויסען קדיש וואס
מע זאגט אויף דעם בית עלמין נאר אין איהם איז דא
זעהר פיל סודות ורמזים וואס מע קאן זײא ניט ארויס
זאגען ביז משיח וועט קומען און מיר וועלען קומען צו

*) מלשון מכבדין את הבית, אויס ראמען אין שטוב.

אונז אין לאגער ארײַן קײַן ארץ ישראל.

דעם לעצטען טאג ד. ה. שוין ערב ראש חודש אב, נאך האלבען טאג, איז יענקעלע ארוים געגאנגען און מיטע שטארט, אום גע׳יאשען די מלבושים אוים גע־בערשט, און פאר עפיליעט. ער האט אויס געזעהן פריא און האט זיך פריער ארום געקוקט אויף אלע זייטען, אז א עם האבען זיך צו זאמען עקלויבען פיל מענטשען האט ער מיט זעהר איין אײַנגענעמע שטימע געזונגען אלזו:

דער ארימער און דער רײַכער

1

ער האט פיל קנעכט,
גאנצע טאג, גאנצע נעכט
ארבײַטען זייא זעהר שווער,
זיין קאפיטאל זאל ווערען מער.

איך בין נאר אליין
וואס מוז אום עט אום גיין
מײַנע הענט מוזען האראווען
אויף ברויט צו פארדינען

ער איז אָבער מיט מרה שחורה,
פאר דיא קנעכט האָט ער מורא.
זייא זאָלען אים ניט באטראָגען,
און פאר נעמען זיין פארמעגען.

מיינע הענט זענען מיר געטרייא,
איך בין אליין אויך דערבייא.
זייא זאָלען ניט טאָן קיין שלעכטע זאכען
מיך פאר באנקראָט ניט מאכען.

2

ער עסט זעהר גוט,
קאנפעקטען, בעסקוויט.
פלייש און פיש,
שטענדיג אויפ'ן טיש.

איך האָב ברויט און זאלץ,
ס'איז פאר פלייש און פאר שמאלץ.
גוטע שפייזען עסען,
האָב איך לאנג פאר געסען.

פון זיין עסען גוט און פעט,
ליגט ער אָפט קראנק אין בעט.

דער פֿױגעל קאָן ניט איבער קאָבען,
צו װאַמען אַזױ פֿיעל װאָכען.

מײַן טריקען ברױט איז גרינג,
אַז ס'קומט נאָר אין שלינג,
קומט דאָס באַלד אין זײַן אָרט
ס'גײַט גרינג אַרױס פֿון דאָרט.

3

ער טרינקט טײ די שענסטע
קאַװע קאַקאַאָו די בעסטע
יעדער זאַך צו דער מינוט
װען אַ קלינג דאָס גלעקיל גיט.

איך טרינק װאַסער פֿון אַ קװאַל
אױף מײַן בעסטען באַל
פֿון אַנדערע געטראַנקען צו זאָגען
הײַסט ניט קײן מאָל מײַן מאָגען.

אַז ס'איז ניטאָ צו דער מינוט
איז אים שױן ניט גוט
ער װערט גיפֿערליך קראַנק
צו פֿאַר דאָס ניט זײַן געטראַנק.

שטײן וואַסער בּאַקומט איך אַלע טאָג
בּאַ זיך און בּאַ אַלע לײַט
איך בּין צופרידען פון וואַסער
אַז איך דאַרף ניט פּעסער

4

ער האָט אַ טערליאַ צימער
אויף ווינטער, אויף זומער
אלים געשטעלט טײַער מעבעל
טשעבעלען פון גוטען וועבעל.

איך זיץ אין אַ שטוב
נאָר פינצטער ווי אַ גרוב
מײַן מעבעל איז אַ טאַפּטשאַן
קינדער געווײן איז אַ פּערטאַפּיאַן

אַרײַן לײַגען אין אַ גרוב
פון אַזאַ רײַכער שטוב
איז איהם בּאַ צײַטען ניט ליעב
דאָס רײַכטום און דיזע שטוב

איך וועל זיך גאָר ניט זאָרגען
אַז אַצונד דאָ, און טרוב מאָרגען

נאָך וואָס האָב איך צו בּײנקען?
ווען איך טוא וועגען טויט דענקען.

— פון וואָס מע רעט, זאָגט ער ווייטער, קומט מען אַרויף אויף דעם טויט, אַז מיר האָבען שוין פון דעם טויט אויך גירעט. דאַרף מען שוין גיין זיך אָפּ רוען, איבער אַ יאָהר אין דער צייט, זאָלען מיר זיך ווייטער זעהן...

אייניגע שטאָדט בעלי־טובות מיט זייערע לײַקערס זענען געשטאַנען און געזאָגט:

— משוגע בלייבט משוגע, מיר דאַכט ער רעט שוין וויא אַ מענטש פון דעכט וועגען ווינשט ער איבער אַ יאָהר זיין ווייטער משוגע אַזוי קאָן מען אויס שטעלען אויף אַלע זיינע משוגע־נע רייד וואָס ער האָט אַ גאַנצען חודש זיך געפלוידערט.

זיא האָבען אויך געשפּיגען דריא מאָהל און זענען זיך צוגאַנגען.

להורים ולמורים

הוצאת „מקרא לבני הנעורים" [illegible]

[illegible]

[illegible] בשפת העברית.

[illegible]

[illegible]

מחיר כל נומר 4 קאפ׳; לבתי ספר ולמורים [illegible]

[illegible]

[illegible] М. ЭПШТЕЙНА, Бердичевъ.